בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
מ"ט

פרשת תצוה
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף דִיךְ!

וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, סַיי אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אוּן סַיי דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין אָפִּיס דַארְפְן וִויסְן אַז 'דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף דִיךְ'!

וִוי אַזוֹי דוּ גֵייסְט אָנְגֶעטוּן, אַזוֹי גֵייעֶן דִי קִינְדֶער גֵיין אָנְגֶעטוּן; וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי גֵייעֶן דִי קִינְדֶער רֶעדְן; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט אֵיידְל, גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ רֶעדְן אֵיידְל, אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד שְׁמֵייכְלְט, גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ שְׁמֵייכְלֶען.

בִּפְרַט דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵּיגָא הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, וַוייל אַלֶע קוּקְן אוֹיף אִיר, אַלֶע ווִילְן זֶען וִוי אַזוֹי דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַן אַרְבֶּעטֶער אִין בֵּית פֵּיגָא.

### מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ

דִי סֶעקְרֶעטֶערִי פוּן שׁוּלֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁאֵלָה, וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ לֶערֶערִין קוּמְט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט בֶּעטְן אַ צֶעטְל זִי דַארְף עֶס 'יֶעצְט' הָאבְּן?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען דַארְף נִיצְן דִי שֵׂכֶל; מֶען קֶען בֶּעטְן אַז אַלֶע לֶערֶערִינְס זָאלְן אַרַיין גֶעבְּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט צְוֵוי דְרֵיי טֶעג פְרִיעֶר, אָבֶּער אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטוּן אִין צַייט, דַארְף מֶען אַלְץ טְרַאכְטְן: 'בַּיי מִיר וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט זִין גְרֵייט אִין צַייט', אוּן מֶען בֶּעט שֵׁיין **"עֶס אִיז מִיר גְרִינְגֶער אַז דוּ גֶעבְּסְט אַרַיין פְרִיעֶר דַיין אַרְבֶּעט"**.

מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ, מֶען דַארְף זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט לֶערֶערִינְס, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר הָאט זִי גֶעהַאט אַן אוֹנֶס'.

### קֵיינֶער זָאל נִישְׁט בַּעלְבַּאטֶעוֶוען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

קֵיינֶער זָאל נִישְׁט בַּעלְבַּאטֶעוֶוען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוֹיבּ אֵיינֶער בַּעלְבַּאטֶעוֶועט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, לֵייג אִיךְ אִים אִין דִי זַייט, בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּעַל הַבַּיִת! קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד קְלַאפְּט אַרַיין אִין קָאךְ בֶּעטְן זַאלְץ וְכַדוֹמֶה שִׁיקְט מֶען אִים אַוֶועק, פְרֶעג אִיךְ דִי קָאךְ אַרְבֶּעטֶער: **"וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה דָא?"** זָאגְט מֶען מִיר: **"אַזוֹי הָאט דִי אָפִּיס אַרָאפּ גֶעשְׁטֶעלְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קוּמֶען בֶּעטְן פוּן קָאךְ זַאכְן"**, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: **"מֶען שִׁיקְט נִישְׁט אַרוֹיס אַ מְלַמֵּד אוּן מֶען סְטְרַאשֶׁעט נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען"**, צוּמָארְגְנְס הָאט מֶען בְּרֵייט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר פַאר דִי מְלַמְּדִים, יֶעדֶער קֶען קוּמֶען אוּן נֶעמֶען... הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: **"דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, מַאךְ צוּ דִי טִיר, אוּן אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד וֶועט קְלַאפְּן זָאלְסְטוּ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן 'קוּם אַרַיין, וָואס דַארְפְסְטוּ?'"**

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין אָפִּיס, מֶען קֶען נִישְׁט בַּעלְבַּאטֶעוֶוען אוֹיף לֶערֶערִינְס, מֶען סְטְרַאשֶׁעט נִישְׁט קַיין לֶערֶערִינְס, בַּאלְד וֶועט דִי לֶערֶערִין אַהֵיים גֵיין, מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן אַ לֶערֶערִין פַאר דִי קִינְדֶער.

אוֹיבּ לֶערֶערִינְס קוּמֶען אַרַיין אִין אָפִּיס, זֵיי נֶעמֶען אִיבֶּער דִי אָפִּיס, קֶען מֶען זֵיי נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן, מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן צוּרִיק אַרַיינְגֵיין אִין קְלַאס"**.

### • בְּרֶענְגְט מִיט עֶנְקֶער הַארְץ!

### זוּךְ אַ גוּטֶע דְזְשַׁאבּ

אִיךְ וֶועל דָא דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מַיין מַאמֶע תְּחְיֶ' הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל וֶוען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען אִין מִירוֹן אִיז מַיין מַאמֶע אַוֶועק גֶעפָארְן מִיט צְוֵויי טֶעכְטֶער אִין אַ הָאטֶעל, זֵיי הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אַז דִי פּוּל (שְׁוִוים בַּאסֵיין) אִיז אָפְן, זֶענֶען זֵיי דָארְט אַרַיין אוּן זִיךְ אַרָאפּ גֶעזֶעצְט, קוּמְט אַ גוֹי אוּן זָאגְט: **"מֶען קֶען נִישְׁט דָא זַיין, מֶען מוּז אַרוֹיס גֵיין"**, פְרֶעגְט אִים מַיין מַאמֶע: **"וָואס גֵייט דִיךְ אָן אַז אִיךְ בִּין דָא?"** עֶנְטְפֶערְט עֶר: **"דָאס אִיז מַיין דְזְשַׁאבּ אַוֶועק צוּ שִׁיקְן מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט דָא זַיין"**, פְרֶעגְט אִים מַיין מַאמֶע: **"דוּ פִילְסְט גוּט מִיט דַיין דְזְשַׁאבּ פוּן אַוֶועק שִׁיקְן מֶענְטְשְׁן?! פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט דִי אָפִּיס אַ דְזְשַׁאבּ וָואס דוּ וֶועסְט קֶענְסְט עֶפֶענֶען אַ טִיר פַאר מֶענְטְשְׁן?"** דֶער גוֹי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מַיין מַאמֶע זָאגְט אִים... אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"פֵיין, עֶטְץ קֶענְטְס דָא בְּלַייבְּן"**.

דָאס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר צוּ זוּכְן אַיינְצוּטֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע **"גֵיי נִישְׁט דָא"**, **"גֵיי נִישְׁט דָארְט"**, דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי וֶוען

מען זוכט אַ דזשאָב זאָל מען זוכן אַ דזשאָב וואס איך דאַרף נישט אַרויס שיקן קיין מענטשן און נישט ווי טון קיין מענטשן, נאר וואו איך זאָל קענען העלפן מענטשן.

עס איז דאָ אַ וועג ווי אַזוי מען קען זאָגן פאַר לערערינס וואס געבן אַריין זייערע צעטלעך שפּעטער, מען קען זיי זאָגן: **"ווען דו געבסט עס אַריין מער צייטליך וועט זיין בעסער"**, אָדער קען מען בעטן די מנהלת זי זאָל געבן דעם פּסק, מען זאָגט פאַר די מנהלת: **"עס איז מיר אַביסל שווער מיט די לערערין ווייל זי קומט אַלץ די לעצטע מינוט"**, אָבער איך וועל פּרובירן צו זיין דער גוטער.

### אַרבעטן צוזאַמען מיט דער מנהל און מנהלת

איך וויל נאָכאַמאָל באַמערקן, אויב איך זאָג ביי אַ דרשה אַ זאַך וואס איז אַנדערש פון וואס דער מנהל אָדער מנהלת האט געזאָגט - האָב איך גאַרנישט געזאָגט, מען דאַרף אַרבעטן צוזאַמען מיט'ן מנהל און מנהלת. דאָס איז די הצלחה פון אונזער מוסד, אַז מען אַרבעט צוזאַמען. אַלע מוסדות וואס דו הערסט אין די נייעס אַז עס האט זיך צובראָכן, איז עס ווייל די מלמדים מיט'ן מנהל קריגן זיך אַרום, די מלמדים האָבן איין צד און דער מנהל האט אַן אַנדערע צד, אויב די מלמדים זענען צוזאַמען מיט'ן מנהל, און די עלטערן זענען צוזאַמען מיט די מלמדים, קען קיינער נישט צעברעכן אַזאַ פּלאַץ.

### ברענגט מיט ענקער הארץ!

ברוך השם אַז די מוסד ווערט גרעסער, פון איין זאַך האָב איך מורא, אַז די מוסד גייט ווערן אַ סיסטעמאַטישע פּלאַץ, ווייל ווי גרעסער אַ מוסד ווערט מוז מען מאַכן רול'ס (תקנות), בעט איך ענק, ברענגט מיט ענקער הארץ, ברענגטס מיט די הארץ, אַז אַ קינד האט געטון אַנדערש ווי די רול האט געהייסן, טראַכט שנעל: 'אויב וואָלט עס געווען מיין קינד וואָלט איך אים דן געווען לכף זכות, אפשר זאָל איך אים געבן אַ גלעט, אפשר זאָל איך אים אויפבויען'.

בפרט ביי קליינע קינדער וואס עס קען נאָך פּאַסירן מען זאָל נישט כאַפּן אַז מען דאַרף אַרויס גיין אין בית הכסא, און אַ קינד האט זיך פאַרשמירט דאַרף מען זייער אַכטונג געבן אים נישט צו פאַרשעמען, מען דאַרף זייער אַכטונג געבן אויף די קינדער.

### קומען אָנגעגרייט אין חדר

אַלע מלמדים און לערערינס דאַרפן קומען אָנגעגרייט, מען קען נישט אַריין קומען אין כּתה אָן וויסן פּאַרדעם וואס מען גייט היינט טון, סוף יאָר דאַרף מען זיין מער אויסגערעכנט אויף ביז סוף יאָר, מען דאַרף זיך מאַכן אַ חשבון, עס איז נאָך דאָ צוויי וואָכן ביז ראש השנה, איך דאַרף נאָך רעדן פון אַ שופר, די עפּל אין האָניג, 'לשנה טובה', די וואָגשאָל פון מצות און עבירות, און מען גייט אַהיים שיקן אַ וואָגשאָל, נאָכדעם קומט יום כפּור, דאַרף מען רעדן פון כפּרות; מען מוז זיין אָנגעגרייט, איך מוז פונקטליך וויסן וואס איך גיי טון, איך קען נישט אַריין קומען אין כּתה און פרעגן: **"וואס זאָל איך יעצט טון?"**

דער טאָג מוז זיין אָנגעפּילט, יעצט עסט מען פרישטאָג, נאָכדעם גייט מען קאָלערן (פאַרבן) אַ וואָגשאָל, נאָכדעם גייט מען אויסשניידן אַ כּפּרה, נאָכדעם גייט מען אַרויף קלעבן אַן אויגעלע פון די כּפּרה, נאָכדעם גייט מען רעדן צו די קינדער אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער, מען טאָר נישט טון קיין עבירות, און אויב מען טוט עבירות דאַרף מען תשובה טון, און אויך אַריין לייגן אין די קינדער 'כּיבוד אב ואם'.

### רעדן צו די קינדער רואיג

ווען מען גייט מיט קליינע קינדער אין בית הכסא דאַרף מען זיי זאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: **"מען קען נישט אַריין קוקן אין אַ צווייטנ'ס בית הכסא", "מען טאָר נישט אַריין קוקן, דער איבערשטער לאָזט נישט"**, דאָס זאָגט מען יעדן טאָג ווען מען גייט מיט זיי אין בית הכסא; מען זאָגט עס שיין און רואיג, נישט שרעקעדיג.

אויך לערנט מען אויס די קינדער אַז מען טאָר נישט אויפהייבן יענעמ'ס קלייד, און מען טאָר נישט שפּילן דאָקטער, מען דאַרף דאָס שיין זאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אולי ואולי וועט מען קענען ראַטעווען די קינדער זיי זאָלן זוכה זיין צו זיין זויבער און ריין, זיי זאָלן חתונה האָבן געזונט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין.

אם ירצה השם וועל איך פּרובירן צו קומען ענק מחזק זיין דורכאויס די יאָר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אָבער דאָס זאָלט עטץ געדענקען מען זאָל זיין צייטליך און מען זאָל אַרבעטן מיט הארץ.

דער איבערשטער זאָל העלפן עטץ זאָלט האָבן אַ כּתיבה וחתימה טובה, אַ גוט געבענטשט יאָר, אָמן.

## בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### וואס טוט מען ווען אַ קינד קריכט נישט געהעריג?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אונזער טאָכטער איז שוין אַ יאָר און צוויי חדשים, געזונט און שטאַרק ברוך השם, אָבער זי קריכט נישט אויף די הענט און פיס, זי רוקט זיך נאָר זיצעדיגערהייט, און זי קען אויך שטיין אַליין.

מענטשן וואס טועז אין דעם ענין פון די אַנטוויקלונג פונעם קינד, האָבן געזאָגט פאַר מיין ווייב אַז דאָס קריכן אויף פיר העלפט פאַר די אַנטוויקלונג פונעם מח, און עס איז נישט ראַטזאַם אַז אַ קינד זאָל איבערהיפּן דעם שטאַפּל אין לעבן, פון קריכן אויף די הענט און פיס.

די שאלה איז אויב מיר זאָלן נעמען דאָס קינד צו אַ פּלאַץ וואו מען אַרבעט אויף די סאָרט זאַכן? וואס ווי פאַרשטענדליך קאָסט עס אויך אַ שיינע סומע געלט, אָדער זאָלן מיר איר לאָזן זיך אַליין אַנטוויקלען אויף איר אייגענעם וועג, אָן זיך אַריינמישן פון אינדרויסן?

יישר כּח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פּרשת וירא, י"ח מר-חשון, שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האָב ערהאַלטן דיין בריוו.

עס מאַכט נישט אויס אויב אַ קליין קינד קריכט אויף אַלע פיר פיס אָדער עס ריקט זיך פון איין פּלאַץ צום צווייטן פּלאַץ אַזוי זיצעדיג; עס זענען דאָ קינדער וואס קריכן,

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

און קִינְדֶער וָואס רִיקְן זִיךְ אַזוֹי וְכוּ׳, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טוּן דֶערְוֶועגְן, וַוייל דִי וָואס קְרִיכְן – זֶענֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט וִוי דִי וָואס קְרִיכְן נִישְׁט.

אַז דוּ ווילְסְט דַיין קִינְד זָאל אוֹיפְוַואקְסְן דָאס בֶּעסְטֶע און שֶׁענְסְטֶע – זָאלְסְטוּ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בֶּעטְן פַאר דְרַיי מִינוּט אוֹיפְן זֵייגֶער פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט און עֶרְלִיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל דֶערְצֵיילְט, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער – זֶעקְס זוּן און פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אוֹתוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, און אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, און דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת תולדות תשפ"ד)

## וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ אַיין פוּן שְׁלָאגְן מַיין קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶוער צוּ שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט פוּן מַיין טָאכְטֶער, אִיךְ טֵייל פֶּעטְשׁ, און דֶערְנָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט און אִיךְ וֵויין. זִי דְרֵייט מִיר אִיבֶּער טֶעלֶערְס, און אִיךְ דַארְף עֶס אוֹיפְרֵייניגְן, און אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶערֶעגְט גֶעבּ אִיךְ אִיר אַ פְּרַאסְק. אָדֶער וֶוען מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין הֵייבְּט זִי אָן אוֹיסְצוּטוּן דִי שִׁיךְ בְּעֶרֶךְ פִינְף מָאל. פַארְוָואס שְׁלָאג אִיךְ? אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין.

אוֹיךְ זָאג אִיךְ אִיר אוֹיף אַלֶעס נֵיין, וָואס זִי בֶּעט אִיז נֵיין, וָואס זִי כַאפְּט אָן אִיז נֵיין, און אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְן בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן נָאר נֵיין, מֶען דַארְף עֶפֶּעס גֶעבְן אַנְשְׁטָאט דֶעם. וָואס דַארְף מֶען גֶעבְן אַנְשְׁטָאט?

אִיךְ וויל בֶּעטְן חִיזּוּק אוֹיף חִינוּךְ, מְחַנֵּךְ צוּ זַיין שֵׁיין, אָן פֶּעטְשׁ, נֶעבֶּעךְ אוֹיף מַיין טָאכְטֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט צְוֵויי רוֹיטֶע בַּאקְן, און אִיךְ וֵויין וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה.

נָאךְ אַ זַאךְ, אַז אִיךְ וויל אִיר גֶעבְן נָאר וַואסֶער, און מַיין מַאן גֶעבְּט אִיר זִיסֶע טְרִינְקֶען, און שְׁפֶּעטֶער וויל זִי מֶער נִישְׁט וַואסֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מַיין מַאן עֶר זָאל אִיר נִישְׁט גֶעבְן אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶר זָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אוֹיפְ'ן טִישׁ מֶעג זִי הָאבְן, וַוייל זִי הָאט עֶס שׁוֹין גֶעזֶען, און אִיךְ זָאג אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אוֹיפְ'ן טִישׁ דַארְף זִי נִישְׁט הָאבְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְט אִיר וִויסְן, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. צְוֵוייטְנְס, אַז מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער און מֶען דַארְף אַמָאל גֶעבְן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע – אִיז דָאס אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְן פָּנִים, נָאר אוֹיף דִי הֶענְט, און דְרִיטְנְס, אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט פוּן כַּעַס; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּכַעַס טָאר מֶען נִישְׁט גֶעבְן אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֶּעטְשֶׁעלֶע, וַוייל וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט קֶען מֶען נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין. חִינוּךְ אִיז נָאר וֶוען מֶען אִיז רוּאִיג און גֶעלַאסְן, מֶען אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ, און אוֹיךְ קֶען דָאס זַיין אַ סַכָּנָה; מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אַ קִינְד וֶוען מֶען אִיז אִין כַּעַס, מֶען קֶען שֶׁעדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם דֶעם קִינְד.

כַּעַס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, און כַּעַס בַּיי אַ פְרוֹי אִיז נָאךְ עֶרְגֶער; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ גֵייט צוּגְרוּנְד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן טו): "כַּעַס שֶׁל אִשָּׁה, מַחֲרִיב אֶת הַבַּיִת", אַ פְרוֹי וָואס רֶעגְט זִיךְ – מַאכְט חָרוּב דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ; דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן כד): "עַל יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים", דוּרְךְ כַּעַס גֶעבּוֹירְט מֶען קִינְדֶער שׁוֹטִים; כַּעַס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה.

אַז אַייעֶר קִינְד דְרֵייט אִיבֶּער – אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אוֹיף שְׁלָאגְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְן רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת פוּן זַיין לֶעבְן און פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן: "מַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעֻדָּה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְן דֶעם גַאסְט וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ׳, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן און אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַייעֶר מַאן אִיז גֶערֶעכְט, אַז עֶס אִיז דָא זִיסֶע גֶעטְרַאנְקֶען אוֹיפְן טִישׁ וָואס דִי עֶלְטֶערְן טְרִינְקֶען – קֶען מֶען נִישְׁט קַנְסְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן טְרִינְקֶען וַואסֶער; אַז מֶען וויל צוּגֶעוואוֹינֶען דִי קִינְדֶער צוּ טְרִינְקֶען גֶעזוּנְט – אִיז רִיכְטִיג אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן אוֹיךְ טְרִינְקֶען גֶעזוּנְט.

בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער. וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט – שְׁטֵייט בַּיי דִי לִיכְט, לֵייגְט אַרוֹיף דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים און בֶּעטְס און וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר מַיינֶע קִינְדֶער

זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי מְחַנֵךְ זַיין מִיט שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ זֵיי, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס אוּן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֶוער אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְּגֶערֶעגְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן נָאכְדֶעם שְׁלָאג אִיךְ זֵיי; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט חִינוּךְ, אִיךְ זָאל זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוּן לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיס נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תבא תשפ"ג)

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד אִיז אַ מְחֻצֶפֶת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּרְךְ דִי שֵׂכֶל אוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הָאבּ אִיךְ פַּארְמִיטְן אִין מַיין קְלַאס אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן אַ מְחֻצֶפֶת, נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, אַרוֹיסְשִׁיקְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי, אַסַאךְ מָאל בַּיים דַאוֶוענֶען גֵיי אִיךְ אַרוּם צוּ יֶעדֶע מֵיידְל'ס טִישְׁל, אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיפְּגֶעמִישְׁט צוּ דִי גוּטֶע פְּלַאץ, מִישׁ אִיךְ אוֹיף, אַ מֵיידְל וָואס דַאוֶוענְט שֵׁיין, זָאג אִיךְ פְּשְׁשְׁשׁ! הֶערְלִיךְ! אוּן דָאס גְלַייכְן.

הַיינְט קוּם אִיךְ אָן צוּ אֵיין מֵיידְל'ס טִישׁ, אִיר מַאנְטְל אוּן טַאשְׁקֶע לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיךְ זָאג אִיר: "גֵיי הֶענְג שֵׁיין אוֹיף דַיין מַאנְטְל אוּן לֵייג דִי טַאשְׁקֶע אוֹיף דַיין בֶּענְקְל", זִי וַוייזְט מִיר 'נֵיין' מִיט אִיר אַקְסְל, הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל שֵׁיין גֶעזָאגְט: "הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע זַאכְן אוּן לֵייג עֶס אוֹיפְ'ן פְּלַאץ", זִי הָאט נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט 'נֵיין'. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט: "דָא דַארְף מֶען פָאלְגְן", זִי הָאט עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְן, אָבֶער אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַוֶועק גֶעדְרֵייט.

אַזַא מְחֻצֶפֶת! אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס דַאוֶוענֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְן וֶוערְן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, בִּיז אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן אוּן זִי וֶועט פָאלְגְן, אָבֶער גְלַייךְ דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן דִי הוּנְדֶערְטֶער שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַז אִיךְ גֵיי גֵיין שְׁטֶערְן אַ גַאנְצֶע קְלַאס אוֹיבּ קֵיינֶער שְׁטֶערְט נִישְׁט. אָבֶער זִי פָאלְגְט דָאךְ נִישְׁט, וָואס טוּ אִיךְ דָא?

אִיךְ הָאבּ אִיר אַרוֹיפְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט זִי זָאל מִיךְ וַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ קוּם אַרוֹיס אוּן אִיךְ פְרֶעג אִיר פַארְוָואס זִי וִויל עֶס נִישְׁט לֵייגְן וִוי מֶען דַארְף. זָאגְט זִי, וַוייל נָאכְדֶעם פַארְגֶעסְט זִי עֶס אַהֵיים צוּ נֶעמֶען. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט טְרַאכְטְן אַ גוּטֶע עֵצָה אַז זִי זָאל יָא גֶעדֶענְקֶען עֶס אַהֵיימְצוּנֶעמֶען, אוּן זִי אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין קְלַאס, צוּפְרִידְן, דִי ווּאוֹילְסְטֶע מֵיידְל.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער. זִי וָואלְט גֶעקֶענְט וֶוערְן דִי גְרֶעסְטֶע מְחֻצֶפֶת, אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַזַא שְׁוֶוערֶע טָאג, אוּן אַלֶעס פַאר אַזַא נַארִישְׁקֵייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אוּן וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָה צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין; לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיֵּאל יב, ג): "'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים' אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת', אַ מְלַמֵד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס, פוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ לֶערֶערִין וָואס לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

גֶעדֶענְקְט, קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן אַלֶע זַיין גוּט, אוּן אַז מֶען וֶועט זֵיי לָאזְן זַיין גוּט וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן זֵייעֶר גוּט, מֶען דַארְף זֵיי גֶעטְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען וֶוערְד אוּן אַז מֶען גְלֵייבְּט אִין זֵיי.

גֶעדֶענְקְט, פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען אוּן פִירְן זִיךְ וִוי מֶען דַארְף - דַארְף מֶען אַייךְ נִישְׁט הָאבְּן פַאר אַ טִיטְשֶׁער, מֶען הָאט אַייךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען נָאר פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען נָאכְנִישְׁט אוּן זֶענֶען לֶעבֶּעדִיג, זֵיי ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל זֵיי אַיינְטֵיילְן וִוי זִיךְ צוּ פִירְן; פַאר זֵיי זֶענְט אִיר דָא, מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט אַבִּיסְל הַארְץ קֶען מֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם מַצְלִיחַ זַיין.

אֵיידֶער אִיר גֵייט אִין סְקוּל צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין - וֶועט אִיר הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת וירא תשפ"ד)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876